**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/10/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר Hochul פייערט לאנג איילענד רעיל ראוד'ס שטערקסטע יאר ביז היינט**

***95.65 פראצענט צייטליכקייט ראטע פאר LIRR באנען אין 2024 איז די בעסטע אין איר היסטאריע***

***LIRR רייזנדע ארויף מיט כמעט 16 פראצענט זייט 2023***

***רעקארד דערגרייכט מיט 14,000 מער באנען אין סערוויס***

***LIRR זעהט א וואוקס אין קאסטומער צופרידענהייט ראטע***

***LIRR ציטירט פאקוס אויף פארלעסליכקייט, סקעדזשול ענדערונגען און לעצטיגע אינוועסטירונגען אין אינפערסטראקטשער איבער די גאנצע אגענטור אלס די סיבה וואס האט אנגעברענגט די רעקארד-ברעכנדע יאר***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז 2024 איז געווען די שטערקסטע יאר פאר די לאנג איילענד רעיל ראוד (Long Island Rail Road, LIRR) אין איר כמעט 200 יעריגע היסטאריע. די צייטליכקייט ראטע רעקארד פון די רעיל-ראוד איז געווען 95.65 פראצענט — די בעסטע אין איר היסטאריע, מיטן אויסנאם פון 2020-22 בשעת די COVID-19 פאנדעמיע. די LIRR האט אויך איבערגעשטיגן איר 94 פראצענט צייטליכקייט ראטע ציל אין יעדער חודש פון 2024 פאר די ערשטע מאל, און געענדיגט די יאר מיט א שטארקייט מיט א צייטליכקייט ראטע רעקארד אין נאוועמבער פון 96.2 פראצענט. אין צוגאב, האבן יעדער פון די 12 LIRR אפטיילונגען איבערגעשטיגן די 94 פראצענט צייטליכקייט ראטע ציל, און 95 פראצענט פון באנען זענען געלאפן אין צייט אין דעצעמבער.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו האבן שנעלע און פארלעסליכע באן סערוויס סיי וואו זיי פארן נאר, און אין 2024 האט די LIRR צוגעשטעלט פאר אונזער רייזנדע די שטערקסטע יאר וואס איז נאך אמאל געווען," **האט געזאגט גאווערנאר Hochul**. "איך בין פארפליכטעט צו ערמעגליכן ניו יארק זיך צו כסדר רוקן און צו בויען ווייטער אויף די גוטע ציפערן, בשעת מיר קוקן ארויס אויף פראיעקטן וועלכע וועלן מאדערנעזירן אונזערע רעיל-ראודס, פארמינערן רייזע צייטן און פארברייטערן באן סערוויס פאר רייזנדע."

**MTA טשעיר און CEO Janno Lieber (דשענאו ליעבער) האט געזאגט,** "טראנזיט העלפט מאכן לאנג איילענד — און די גאנצע ניו יארק ראיאן — מער עפארדעבל. די 687,000 מאנאטליכע טיקעטס וואס מיר האבן פארקויפט אין 2024 האבן למעשה געקאסט ווייניגער ווי אין 2019."

די LIRR האט געזעהן א באדייטנדע וואוקס אין קאסטומער צופרידענהייט אין די צווייטע מאל א יאר קאסטומער צופרידענהייט אויספרעג וואס איז דורכגעפירט געווארן אין הערבסט 2024. אלגעמיינע

צופרידענהייט האט דערגרייכט 76 פראצענט, א 6 פונקטן העכערונג פון פרילינג 2024 — די העכסטע וואס עס איז געווען זייט הערבסט 2022 איידער די עפענונג פון גרענד סענטרעל מעדיסאן.

די הערבסט 2024 צווייטע מאל א יאר קאסטומער צופרידענהייט אויספרעג וואס איז דורכגעפירט געווארן אין אקאטובער 14-31, 2024, איז געווען צוגעשטעלט אנליין אין ניין שפראכן ווי אויך דורכ'ן טעלעפאן. 21,854 מענטשן האבן אנטייל גענומען אין די LIRR אויספרעג, א 27 פראצענט העכערונג פון פרילינג 2024.

**לאנג איילענד רעיל ראוד פרעזידענט Rob Free (ראב פרי) האט געזאגט,** "איינער פון מיינע הויפט צילן ווען איך האב איבערגענומען די פרעזידענטשאפט פון די LIRR איז געווען צו שאפן א געוואלדיגע איבערלעבעניש פאר באניצער, יעדער טאג, אויף יעדער באן. די געוואלדיגע שפרינג אין קאסטומער צופרידענהייט ווייזט אז מיר טוען דאס למעשה דערגרייכן. די LIRR טוט כסדר נאכקוקן די דאטא און קאסטומער קאמענטארן צו פארבעסערן די פארלעסליכקייט און קאסטומער איבערלעבעניש פון אונזערער סערוויס.צייטליכקייט האלט ביי רעקארד-הויכע שטאפלען, סקעדזשולס זענען באקוועמער, און דאס מאכט אונזערער קאסטומערס צופרידן."

ערשטע רייזערשאפט ציפערן פאר 2024 ווייזן א וואוקס אין רייזערשאפט — 75.5 מיליאן רייזנדע זענען געפארן אויף די LIRR אין 2024, אין פארגלייך צו די 65.2 מיליאן מענטשן וואס זענען געפארן דערמיט אין 2023, שאפנדיג א 15.8 פראצענט וואוקס. נאוועמבער 2024 איז געווען זייער א געלונגענע חודש פאר די רעיל-ראוד, דערגרייכנדיג סיי א צייטליכקייט ראטע רעקאד פון 96.2 פראצענט — די העכסטע שטאפל פאר יענע חודש זייט מען האט אנגעפאנגן האלטן חשבון פון די ציפערן אין 1979 — און סיי טראגן 6.3 מיליאן רייזנדע, ארויף פון 5.8 מיליאן אין 2023.

### 5 העכסטע מיטן-וואך רייזערשאפט טעג אין 2024

| | | | |
|---|---|---|---|
| מיטוואך | 11/27/2024 | 284,694 | העכסטע רייזערשאפט זייט די פאנדעמיע |
| מיטוואך | 9/18/2024 | 281,624 | צווייטע העכסטע מיטן-וואך טאג |
| מיטוואך | 10/16/2024 | 279,608 | דריטע העכסטע מיטן-וואך טאג |
| דאנערשטאג | 10/17/2024 | 277,906 | פערדע העכסטע מיטן-וואך טאג |
| דינסטאג | 10/8/2024 | 275,934 | פיפטע העכסטע מיטן-וואך טאג |

### העכסטע שבת און זונטאג רייזערשאפט אין 2024

| | | |
|---|---|---|
| שבת | 12/14/2024 | 161,398 |
| זונטאג | 6/9/2024 | 132,945 |

**סערוויס פראיעקטן און פארבערייטערונגען**

זייט 2018, האט די LIRR פארמערט די סערוויס מעגליכקייטן פון די רעיל-ראוד מיט א רייע פראיעקטן.

א צווייטע רייע שינעס איז צוגעלייגט געווארן צו אן 18 מייל שטרעקע פון די ראנקאנקאמע אפטיילונג צווישן פארמינגדעיל און ראנקאנקאמע אין 2018. דאס האט ערמעגליכט פאר די רעיל-ראוד צו פארמערן סערוויס אין די פארנומענסטע צייטן, צולייגן בויגזאמקייט, און האלפן פארמינערן די השפעה פון סערוויס שטערונגען אויף די אפטיילונג.

די אויפבוי פון די מעין-ליניע דריטע רייע שינעס וואס איז פארענדיגט געווארן אין 2022 איז נישט נאר געווען א באן פארבערייטערונג פראיעקט, נאר אויך אן אינפערסטרעקטשער פראיעקט, ארייננברענגנדיג מער עקזיסטירנדע אינפערסטראקטשער אין א גוטע צושטאנד ווי סיי וועלכע אנדערע פראיעקט אין רעיל-ראוד היסטאריע, פארמערנדיג זיכערהייט, מאדערנעזירנדיג סטאנציעס, פארשענערנדיג טאון'ס, און אוועקנעמנדיג פילצאליגע רעיל-ראוד גראד אריבערגענג. די רייע שינעס איז געבויעט געווארן אין צייט און פאר 100,000 דאלאר ווייניגער ווי די בודשעט, און זיך געעפענט אין אקטאובער 2022 נאך 50 יאר פון באמיאונגען. פאר די ערשטע מאל, האבן לאנג אייילענד רייזנדע געהאט ווייניגער באן אנגעלייגטקייט און ווייניגער פארשפעטיגונגען, און האבן יעצט באמת סערוויס איןביידע ריכטונגען בשעת די פארנומענסטע שעות אויף א מער פארלעסליכע באן נעטווארק.

די LIRR'ס נייסטע טערמינאל, גרענד סענטרעל מעדיסאן, האט זיך געעפנט אין 2023. צאמגעשטעלט מיט די מעין-ליניע דריטע רייע שינעס, האבן די פראיעקטן ערלויבט א סערוויס וואוקס פון 41 פראצענט, וואס איז מער סערוויס ווי סיי וועלכע צייט אין די רעיל-ראוד'ס היסטאריע. די וואוקס האט אנגעהאלטן אריין אין 2023, מיט די LIRR אנפירענדיג 14,000 מער באנען אין 2024 ווי אין 2023.

נאכפאלגנדיג א 41 פראצענט וואוקס אין סערוויס וואס איז פארגעקומען ווען די רעיל-ראוד האט אנגעהויבן זיך באניצן מיט גרענד סענטרעל מעדיסאן אין פעברואר 2023, האבן די ערשטע באניץ ציפערן וואס האבן אנגעוויזן א 70 פראצענט/30 פראצענט צוטיילונג צווישן פענן סטאנציע און גרענד סענטרעל זיך אריבערגערוקט אין די לעצטע 23 חדשים צו א 60 פראצענט/40 פראצענט צוטיילונג.

די סיסטעם פארברייטערונג און מאדערנעזירונג וואס איז אנגעברענגט געווארן דורך די פראיעקטן האט ערמעגליכט פאר די LIRR צו בויען און עפענען איר ערשטע פול-טיים רייזנדע סטאנציע, עלמאנט-UBS ארינע, ברענגנדיג טויזנעט אוונט-גייער צו די ארינע און צו די ארומיגע שאפינג געגנטער וואס האבן צוגעלייגט געלט צו די לאקאלע עקאנאמיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן